# אַ פָּסוּק חוּמָשׁ
## חיזוק פאר די וואך

**תמצית הגליון:**
הויפט מאמר
מוסר השכל
צידה לדרך
מעשה רב

**נֹחַ אִישׁ צַדִּיק**
**תָּמִים הָיָה בְּדֹרֹתָיו...**

**בעזהשי"ת ▪ נח תשפ"א ▪ גליון צו'**


# זארג דיר נישט, עס "וועט" זיין גוט!!
# וואס דארף איך טראכטן ביז דעמאלטס?!

די געוואלדיגע השגחה פרטיות
וואס מיר געפונען ביי נח און זיינע דריי קינדער.

---

יענקל טרעפט זיין חבר אינגאנצן פאר'דאגה'ט. ער גייט צו און פרעגט אים, "**וואס האט פאסירט?**" זיין חבר זאגט, "וואס זאל איך דיר זאגן, איך האב נארוואס אראפגעלייגט די טעלעפאן מיט א בארימטע ישיבה קטנה דא אין שטאט. ווי עס קוקט אויס פון אלע זייערע תירוצים, האלטן זיי נישט ביים אננעמען מיין זוהן!! **אוי רבוש"ע, וואס גייט דא זיין?!** איך האלט שוין ביי די דריטע ישיבה וואס זאגט מיר ניין!"

יענקל קען קיין סאך נישט העלפן, אבער כאטש אפאר חיזוק ווערטער קען ער יא געבן, און זאגט צו זיין חבר, "**זארג זיך נישט, עס וועט בעזהשי"ת זיין גוט!!**" די חבר הערט וואס יענקל זאגט אבער איז ווייט פון צופרידן און שטורעמט צוריק מיט א פראגע, "**איז וואס דארף איך יעצט טוהן?!**"

**צומאל טרעפן זיך מענטשן אין א מצב וואס עס גייט אים נעבעך שווער און ער ווארט אויף א ישועה**, וואס קענען מיר זאגן פאר אזעלכע אידן אז עס זאל זיי שוין יעצט זיין א שטיקל נחמה?

**די וואכנדיגע פרשה לערנט אונז.**

**לאמיר לערנען א פסוק חומש און באקומען חיזוק פארן וואך...**

---

**וַיְהִי נֹחַ בֶּן חֲמֵשׁ מֵאוֹת שָׁנָה וַיּוֹלֶד נֹחַ אֶת שֵׁם אֶת חָם וְאֶת יָפֶת.**
(בראשית ה, לב)

---

ביים סוף פון פרשת בראשית, דערציילט די תורה אז נח איז געווען פינף הונדערט יאר ווען ער האט אנגעהויבן האבן קינדער. דריי קינדער האט נח געהאט, קודם יפת, דערנאך חם און צום לעצט, שם. (עי' בתוס' הראש סנהדרין סט: שמאחר שהוצרך הכתוב לשנות מסדר לידתם כמש"כ רש"י שבתחלה אתה דורש שם שהוא צדיק, מנאם למפרע מהקטן לגדול.)

זאגט רש"י (ד"ה בן חמש מאות שנה בשם המדרש רבה): **אמר רבי יודן, מה טעם כל הדורות הולידו למאה שנה** (ולמאתים שנה) **וזה לחמש מאות?**

**פרעגט רבי יודן:** וואס איז פשט, פארוואס איז נח געווען אנדערש פון אלע 10 דורות פאר איהם?

אויב מיר וועלן נאכקוקן אין די פסוקים, וועלן מיר טרעפן אז **אדם, שת, אנוש, קינן, מהללאל, ירד, חנוך**, זיין זיידע **מתושלח** און זיין טאטע **למך**, אלע האבן געבוירן קינדער שפעטנס ביז די צוויי הונדערט יאר[א]. פארוואס האט דער אייבערשטער אזוי צוגעפירט אז נאר נח האט נישט געהאט קיין קינדער ביז אזוי שפעט ווי פונעף הונדערט יאר?

לאמיר זיך פארשטעלן די צער פונעם צדיק. יעדע רשע דרייט זיך ארום מיט קינדער און אייניקליך, און נאר ער, דער גרויסע צדיק, ער האט נעבעך נישט קיין קינדער, נישט ביי די הונדערט און נישט ביי די צוויי הונדערט יאר...

---

[א] **אדם-** בו ביום שנברא הוליד קין והבל, ולאחר ק"ל שנה הוליד, שת. **שת-** הוליד בן ק"ה שנה, **אנוש** בן צ', **קינן** בן ע', **מהללאל** בן ס"ה, **ירד** בן קס"ב, **חנוך** בן ס"ה, **מתושלח** בן קפ"ז, **למך** בן קפ"ב. וכן תמצא בדור שלאחריו שנולדו במאה שנה.



פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון, קענט איר זיך פערבונדן מיטן עורך:
torah10952@gmail.com

יעדע הונדערט יאר וואס עס איז אריבער און ער האט נאך אלץ נישט זוכה געווען צו קינדער, וואלט ער לכאורה געדארפט זיין מער און מער בצער, "איך פארשטייט נישט וואס גייט דא פאר? פארוואס בין איך אנדערש פון יעדעם?" ועל כולם, וואלט ער געדארפט האבן די גרויסע קשיא, "ווען איך נאך אמאל זוכה זיין צו קינדער?!"

זאגט אונז די מדרש בשם רבי אידן: דער אייבערשטער וויל אונז דא אויסלערנען א וויכטיגע לימוד לדורות עולם! **ר' איד, פרעגט נישט קיין קשיות! אלעס האט א פונקטליכע חשבון פארוואס פונקט אזוי האט פאסירט און פארוואס פונקט דיר. דו דארפסט נאר צו-ווארטן, וועסטו זעהן אז איך האב נאר געמיינט דיין טובה...**

זאגט דער הייליגער קדושת לוי (ואתחנן ד"ה או יבואר)ף: עס איז באוואוסט די גרויסע אהבה פונעם אייבערשטען צו די אידישע קינדער. אלעס וואס ווערט געטוהן צו די אידישע קינדער און אלע פאסירונגען וואס געשעט צו די אידן, אלעס איז לטובת ישראל פונעם אייבערשטען אליין. כאטש אנהייב איז אפטמאל שווער צו איינזעהן די גוטס דערפון, וועט דאס אבער אודאי צום סוף זיין גוט.[ב]

אדרבה, לאמיר מאכן דעם חשבון פאר נח. אויב וואלט ער געבוירן קינדער גלייך ביי די הונדערט יאר אזוי ווי אלעמען, וואלטן די קינדער געווען בערך פונעף הונדערט יאר ביים מבול, ווי די פסוק זאגט אונז, "**ונח בן שש מאות שנה והמבול היה מים על הארץ**" (ז, ו), נח איז געווען זעקס הונדערט יאר ווען די מבול האט זיך אנגעהויבן.

דאס הייסט: בזמן המבול וואלט געקענט זיין עטליכע קינדער אין נח'ס משפחה, וואס יעדע פון זיי וואלט געהאט עטליכע עטליכע קינדער, בקיצור א ריזיגע משפחה פון קינדער און אייניקלעך...

**זאגט אונז דער אייבערטשער: ממה נפשך, אין וועלכע מצב די קינדער און אייניקלעך וואלטן דעמאלטס געווען, וואלט געווען א גרויסע פראבלעם פאר נח.**

אויב וואלטן חלילה די קינדער געווען רשעים, וואלטן זיי אלע רח"ל געדארפט פארשוועמט ווערן אינעם גרויסן מבול, וואס דאס וואלט געווען זייער א גרויסע צער צו זעהן ווי זיין גאנצע פאמיליע ווערט אזוי טראגיש פארשניטן פון דער וועלט, אז אפי' צו קבר ישראל זענען זיי נישט זוכה.

מאידך גיסא, אויב וואלטן די קינדער געווען צדיקים גמורים, וואלט דאס אויך געווען א פראבלעם פאר נח, ווייל אויב זענען זיי צדיקים פונקט ווי אים, דארף מען זיי אויך ראטעווען. דאס הייסט אז יעדע פון די קינדער און אייניקלעך וואלטן געדארפט האבן אן עקסטערע תיבה און דאס וואלט געווען זייער שווער פאר נח, צו בויען עטליכע תיבות פאר די אלע משפחות.[ג]

**זאגט דער אייבערשטער:**

1- איך וויל נישט דער צדיק זאל האבן צער.

2- איך וויל נישט דער צדיק זאל דארפן ארבעטן אזוי שווער.

## דערפאר, מאך איך א פלאן!

**א-** איך וועל מונע זיין נח פון געבוירן קינדער ביז די פונעף הונדערט יאר.[ד]

**ב-** תיכף נאך די פונעף הונדערט יאר, וועל איך אים לאזן האבן קינדער, איין יאר נאך די אנדערע.[ה]

**ג-** ער וועט האבן בלויז 3 קינדער. אזוי אויך, וועל איך מונע זיין זיינע קינדער פון האבן קינדער ביז א געוויסע צייט. (רמב"ן י, א)

אזוי וועט אלעס אויסקומען דאס בעסטע פארן צדיק.

### לאמיר זיך דאס אליין איבערצייגן...

**א- איך וועל מונע זיין נח פון געבוירן קינדער ביז נאך די פונעף הונדערט יאר אלט.** כדי אז אפי' די גרעסטע פון זיינע קינדער, וואס דאס איז "יפת", וועט נישט זיין קיין הונדערט יאר אלט ביים מבול, וואס פאר מתן תורה האט מען נישט באשטראפט א מענטש וואס איז געווען אונטער די הונדערט יאר[ו]. אזוי וועלן אלע זיינע קינדער, אפי' אויב זיי זענען רשעים חלילה, בלייבן לעבן ביים מבול אין זכות פון זייער הייליגן טאטע נח, וויבאלד זיי זענען נאכנישט אין די יארן וואס מען איז מעניש.[ז]

אזוי אויך, וויבאלד מען איז זיי נאכנישט דן, דארף מען זיי נישט בויען עקסטערע תיבות, ווייל כרגע איז זייער גאנצע זכות נאר אין זכות פון זייער טאטע, דערפאר דארפן זיי אלע גיין אינעם טאטן'ס תיבה און נח דארף נישט בויען מער ווי איין תיבה. (עי' שפת"ח)

**ג- ער וועט האבן בלויז דריי קינדער. אזוי אויך, וועל איך מונע זיין זיינע קינדער פון האבן קינדער ביז א געוויסע צייט.** ווי די רמב"ן איז מסביר (שם): הגם נח'ס קינדער זענען געווען ראוי צו געבוירן קינדער פארן מבול, פונקט ווי יעדער פון יענע צייט האט שוין געהאט קינדער ביי די זעכציג יאר, האט אבער דער אייבערשטער אזוי געפירט אז זיי האבן נישט געהאט קיין קינדער אפי' ביי די הונדערט יאר, ביז נאך די מבול.

---

[ב] ועיי"ש ההמשך, וזהו בקשתנו (תהלים פה, ח) **הראנו ה' חסדך**, יודעים אנו שסוף הכל הוא טובה לישראל, לזה אנו מבקשים שהטובה יתראה תיכף בתחלת המעשה.

[ג] **וא"ת מאחר שיהיו בניו רבים העוזרים לבנות?** עי' פי' מהרז"ו (שם בב"ר) שכ' וז"ל אך העיקר הטורח הוא השמירה מהרשעים שמנעום מלבנות ורצו לשבור התיבה, וגם גודל הטורח שהיה להם בתיבה כל השנה בסכנת מות, וההצלה מהם לא היה כ"א בדרך נס, ואין להרבות נסים.

[ד] וצ"ל שהכוונה לת"ק שנה, היינו שנשלמו הת"ק והתחילה התק"א שנה ואז התחיל להוליד וכן נראה מדברי רש"י בע"ז ט. עיי"ש יפ"ת (פי' מהרז"ו על המדרש)

[ה] בן ת"ק שנה הוליד את יפת, ובן תק"א הוליד את חם, ובן תק"ב הוליד את שם.

[ו] דכתיב (ישעיה סה' כ') **כי הנער בן מאה שנה ימות**, ראוי לעונש לעתיד וכן לפני מתן תורה. (דהיינו שקודם מתן תורה לא נענשו לפני הגיעם למאה שנים, (ולא תקשה לך א"כ למה בפ' חיי שרה כ' רש"י בת ק' כבת כ' לחטא הא אין עונשין לפני ק', עי' בחזקוני עפ"י ע"ז ט. שמבאר שכל זה קודם ימי אברהם אבינו, שבימיו התחילו אלפיים שנות תורה...)

[ז] והגם שהיה הרבה שהיה פחות מק' ולא נשארו חיים היינו מפני שנעשו בעון אבותם, מדרש שוח"ט מזמור א'. (פי' עץ יוסף על ב"ר)

**פארוואס? צוליב דעם זעלבן טעם!** וויבאלד אלע זיינע קינדער מיט זייערע ווייבער זענען אריין מיט נח אין די תיבה, אויב וואלט ער געהאט א גרויסע משפחה מיט קינדער און אייניקלעך, וואלט ער ווייטער געדארפט ארבעטן זייער שווער, זיך אפגעבן מיט אזויפיל מענטשן פאר איין גאנצע יאר.

דערפאר, פאר די טובה פון נח, האט דער אייבערשטער אויסגעשטעלט אז ער זאל קודם האבן א קליינע משפחה פון דריי קינדער אן קיין אייניקלעך און קענען אריינגיין אין די תיבה רואיגערהייט. און שפעטער, נאך די מבול, וועט ער האבן הונדערטע אייניקלעך!

**ב-** און כדי איבערצוציייגן דעם צדיק אז אלעס האט א פונקטליכע חשבון פון פאראויס, האט דער אייבערשטער אזוי געפירט אז **באלד נאך די פונעף הונדערט יאר, האט ער תיכף געהאט דריי קינדער, איין יאר נאך די אנדערע**[ח]. **אזוי אויך, תיכף נאכן מבול, האבן זיינע קינדער באלד זוכה געווען צו האבן קינדער. להורות...**

## אלעס איז געווען פונקטליך אויסגעפלאנט פון פאראויס, עס זאל זיין דאס בעסטע פאר נח'ס טובה.

יעצט לאמיר א בליק טוהן עטליכע יאר שפעטער, ווי אזוי זענען נח'ס קינדער אויסגעוואקסן? שטעלט זיך ארויס ווי פאלגנד...

דער יונגסטע זוהן "שם" איז טאקע איז געווען א צדוק גמור[ט], זיין עלטסטע זוהן "יפת" איז געווען א גוטע איד און זיין מיטלסטע זוהן "חם" איז געווען א רשע.

נו, אויב מאכט מען דעם חשבון לויט די פריערדיגע כללים, וואלט נח געשלאגן געווארן פון אלע זייטן! סיי ער וואלט געדארפט בויען נאך א תיבה פאר שם און סיי זיינע קינדער וואלטן געשטארבן אינעם מבול. נעבעך!

**סוף מעשה במחשבה תחילה:** דער מענטש וואס איז געווען ביז נישט לאנג צוריק דער איינציגסטע אן קיין קינדער, איז יעצט ביים מבול געווען דער איינציגסטע מענטש וואס איז געבליבן מיט זיינע קינדער!

~

## לאמיר צוריק גיין אפאר יאר!

**שטעלט אייך פאר אז איר כאפט א שמועס מיט נח א הונדערט יאר פארן מבול. וואס וואלט איר איהם געזאגט?**

איר זעהט נח שוין פיר הונדערט יאר נאך זיין חתונה, יעדער ארום אים האט שוין קינדער און אייניקלעך און נאר ער איז נעבעך עלנד אליין. ווי אזוי וואלטן מיר אים מחזק געווען??

אודאי וואלט מען אים געזאגט, "נח, זארג זיך נישט, דער אייבערשטער האט דיר ליב, **עס וועט בעזהשי"ת זיין גוט!!**"

**הגם דאס איז אודאי די ריכטיגע ווערטער, קען דאס אבער לפעמים האבן די נישט ריכטיגע משמעות.** וואלט נח נישט געווען אן "אמת'ע" בעל בטחון, וואלט ער אונז באלד צוריק געפרעגט, **"יא, איך גלייב אז עס וועט זיין גוט אבער וואס דארף איך טראכטן ביז דעמאלטס?! ווי אזוי שווימט מען אריבער די שוועריקייטן ביז עס וועט זיין גוט?"**

אבער וויבאלד נח איז יא געווען אן אמת'ע בעל בטחון, האט ער טאקע די קשיא קיינמאל נישט געהאט, **נֹחַ אִישׁ צַדִּיק תָּמִים הָיָה**. זאגט דער ערבי נחל: תמים מיינט מען דא **תמים תהיה עם ה' אלקיך** (דברים יח, יג), נח האט געהאט א שטארקע אמונה וואס האט אים צוגעברענגט צו א באלדיגע בטחון...

## וואס איז דער אמונה??

איז דער ערבי נחל מסביר (שם): **"אני מאמין, איך גלייב אז אלעס וואס פאסירט אויף דער וועלט איז פונעם אייבערשטען אליין, "לית אתר פנוי מיניה"**, דער אייבערשטער איז איבעראל און אלעמאל, קיין שום קליינע אדער גרויסע ריר אין דער בריאה טוט נישט געשעהן אן דעם אייבערשטער"...

יעדע פאסירונג האט א פונקליכע חשבון פארוואס און פאר וועמען עס דארף פאסירן און ווען עס פאסירט פאר דיר, זאלסטו וויסן אז דאס איז א חלק פון א גרעסערע פלאן וואס דער אייבערשטער האט פונקטליך אויסגעפלאנט פון פאראויס.

**ביתר שאת, ווען דער פלאן איז געווידמעט פאר א אידיש קינד, איז דאס צאמגעפלאכטן מיט א ספעציעלע אהבה אז עס זאל זיין דאס בעסטע לטובות דעם איד.** (כמש"כ לעיל בשם הקדושת לוי).

אויב אזוי, איז נישט פאסיג צו זאגן, **"עס וועט זיין גוט"**! ווי כאילו מען זאגט, "יעצט איז דאס נאך נישט גוט און מען ווארט "עס זאל ווערן גוט". ניין! **"עס איז שוין גוט"**, וויבאלד די אלע פאסירונגען זענען א חלק פון א גרעסערע פלאן וואס וועבט זיך פאר אונזער טובה!!

דאס איז גלייך ווי אן ערשטע שטאק וואס מען האט נארוואס געפערטיגט פון א דריי שטאקעדיגע הויז וואס ווערט געבויעט נאר פאר דיר. צו וואלט מען דעמאלטס אויך ארום געגאנגען זאגן, "נא, וואס זאל איך טוהן, עס האט נעבעך נאר איין שטאק..." און מען וואלט צוריק געהערט די חיזוק רייד, "זארג זיך נישט, **עס וועט בעזהשי"ת זיין גוט!!**"

אודאי נישט! ווייל די פרייד איז שוין דא, יעדע שטאק וואס ווערט געפערטיגט, קען מען זעהן ווי א שיינע פלאן ווערט מער און

---

[ח] בן ת"ק שנה הוליד את יפת, ובן תק"א הוליד את חם, ובן תק"ב הוליד את שם.

[ט] עי' רש"י ד"ה **את שם את חם**... בא"ד בתחילה אתה דורש את שהוא צדיק ונולד כשהוא מהול ושאברהם יצא ממנו (בראשית רבה כו, ג)

מער אנטוויקלט.

אויב מען וואלט יא געזאגט די ווערטער, וואלט מען דאס געזאגט **מיט אינגאנצן אן אנדערע טאן, א טאן פון שמחה וואס זינגט און פריידט זיך "אוי, גיי דאס בעזהשי"ת זיין גוט!!"**

**אֵלֶּה תּוֹלְדֹת נֹחַ:** ווי אזוי איז צוגעגאנגען דער ענין פון תולדות נח? **נֹחַ אִישׁ צַדִּיק תָּמִים הָיָה בְּדֹרֹתָיו...** נח האט קיינמאל קיין תערימות נישט געהאט אויפן רבוש"ע, **תָּמִים הָיָה...** ער האט געהאט א שטארקע אמונה אינעם אייבערשטען און דערפאר **אֶת הָאֱלֹהִים הִתְהַלֶּךְ נֹחַ**, איז נח שטענדיג געגאנגען מיטן אייבערשטען מיטן מידת הבטחון, ער איז געווען פרייליך און צופרידן נאך אפי' פארן האבן קינדער, וויסנדיג אז ער איז נאר אין דעם אייבערשטען'ס הענט...

**דער גאון ר' חיים שמואלביץ זצ"ל**, (שיחות מוסר תשל"ג עמוד עג), איז מסביר בתו"ד (עה"פ "**על פי ה' יחנו ועל פי ה' יסעו**" במדבר ט, כ):

בטחון איז גליך ווי א קליין קינד וואס ליגט אין די מאמע'ס הענט בשעת זיי גייען אדורך שטעט און דערפער כדי אנצוקומען צו דעם גרויסן שטאט. ווען איר וואלט געפרעגט דאס קינד אינמיטן וועג, "זאג נאר שעפעלע, וואו ביסטו יעצט?" וואלט דאס קינד געענטפערט אן קיין צווייפל, "**אין מיין מאמע'ס ארעם!**" און אט דער תשובה וואלט זיך איבערגע'חזר'ט לאורך כל הדרך, סיי ווען איר וואלט דאס געפרעגט ווען זיי זענען אין א שטאט און סיי ווען זיי וואלטן געווען אין א מדבר, און אפילו ווען זיי וואלטן שוין דערגרייכט זייער ציל, וואלט דאס קינד'ס ענטפער נאך אלץ געווען, "**אין מיין מאמע'ס ארעמס!**"

ווייל פארן קינד איז נישט קיין נפק"מ אין וועלכע פלאץ ער געפונט זיך! כל זמן וואס דער מאמע האלט אים, בלייבט ער זייער רואיג.

## ווי אזוי איז מען מתפלל אויף א ישועה?

זאגט דער קדושת לוי (ראש השנה): א מענטש זאל נישט בעטן אז דער אייבערשטער זאל טוהן אזוי אדער אזוי, ווייל א מענטש ווייסט נישט וואס איז גוט פאר אים. נאר מען דארף בעטן אז דער אייבערשטער זאל טוהן מיט אים א גענאדע ווי אזוי ער פארשטייט אז עס גוט פאר אים.

פון דעסט וועגן, זאגט דער קדושת לוי, איז דא אסאך מאל וואס דער אייבערשטער האט אזוי רחמנות אויף א מענטש, אז כאטש וואס דער אייבערשטער ווייסט אז דאס וואס דער מענטש בעט יעצט איז נישט גוט פאר איהם, דאך וועט דער אייבערשטער איהם צוליב טוהן וואס ער בעט. און אויב דורכדעם פאלט ער אריין אין א שטרויכלונג און האט צער דערפון, וועט אים דער אייבערשטער נאכאמאל העלפן.

**וַיָּבֹא נֹחַ וּבָנָיו וְאִשְׁתּוֹ וּנְשֵׁי בָנָיו אִתּוֹ אֶל הַתֵּבָה מִפְּנֵי מֵי הַמַּבּוּל...**

(בראשית ז, ו)

זאגט רש"י (ד"ה מפני מי המבול): **אף נח מקטני אמנה היה.** נח האט אויך נישט אינגאנצן געגלייבט אז עס וועט קומען א מבול. ער האט אביסל יא געגלייבט און אביסל נישט געגלייבט, דערפאר איז ער נישט אריין אין דער תיבה ביז דער רעגן האט אים אריינגעשטופט.

**פרעגן די מפורשים:** ווי אזוי קען זיין אז א מענטש וואס די תורה איז אזוי משבח און מען זאגט עדות אויף איהם אז **נֹחַ אִישׁ צַדִּיק תָּמִים הָיָה**, זאל מען יעצט זאגן אויף אים אז **מקטני אמונה היה?**

**זאגט דער מעם לועז:** אודאי האט נח געגלייבט אז דער אייבערשטער "קען" ברענגען א מבול, ער האט אבער נישט געוואלט גלייבן אז דער אייבערשטער "גייט" ברענגען א מבול.

וויבאלד נח האט אזוי שטארק געגלייבט אינעם אייבערשטען **כי הוא קל רחום וחנון**, ער איז דאך אזא גוטער און פיינער, ער וועט אודאי נישט טוהן אזא זאך ווי ברענגען א מבול וואס וועט חרוב מאכן דער גאנצע וועלט ממש. איי, דער אייבערשטער האט דאך אזוי געזאגט, האט דאס נח איבערגעטייטשט אז דאס איז נאר שטראף רייד, כדי דער עולם זאל תשובה טוהן.

אבער ווי נאר ער האט געזעהן אז דער רעגן הייבט אן צו גיין, איז ער באלד אריין אין די תיבה, פארשטייענדיג אז ער פארשטייט נישט אלעס און אמאל איז דאס אויך רחמים...

~

שרייבט דער חזון איש אין זיין ספר אמונה אין בטחון (פרק ב, א): עס איז דא אן אלטע טעות אין דעם אפטייטש פון בטחון וואס האט זיך איינגעזעצט אין אסאך הערצער פון מענטשן.

מענטשן מיינען אז דער מושג בטחון מיינט אז עס גייט זיכער זיין גוט (כפי ראות עיני), און אויב מען איז מסופק אדער חושש אויפן פארקערטע וועג, איז דאס א פגם אינעם מדות הבטחון.

זאגט דער חזון איש: אודאי נישט! בטחון מיינט נישט עס גייט זיין ווי אזוי מען וויל אדער מען האפט. מדות הבטחון מיינט אז מען פארשטייט און פילט אז מען ליגט אין די הענט פונעם אייבערשטען, מדות הבטחון מיינט אז מען איז רואיג און פארזיכערט אז דער אייבערשטער פירט מיר און מאכט אלעס פאר מיר, און וויבאלד ער איז א כל יכול, בין איך נישט פאר'דאגה'ט ווייל ער איז נישט באגרעניצט מיט קיין שום באגרעניצונגען, אפי' ווען עס קוקט אויס חלילה ווי עס איז נישט דא קיין וועג ארויס, **אין מעצור לה' מלהושיע.**

מיר מוזן אבער געדענקן אז נישט אייביג מוז זיין אז דער אייבערשטער וויל אז מיר זאלן זיך יעצט ארויסזעהן פון אונזער פראבלעם, נאר ער האט א סיבה און א פלאן פארוואס דאס אלעס האט פאסירט. אונזער ארבעט איז אריינצובאקן אין זיך ווי מער פון דער אמונה אז **הוא בורא ומנהיג לכל הברואים והוא לבדו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים...** עס איז נישט דא קיין שום **מקרה בעולם כלל,** ווייל אלעס קומט פון דעם אייבערשטען וואס האט אונז ליב! און דער געדאנק וועט אונז צוברענגען צו ווערן אן אמת'ע בוטח בה'...

# מוסר השכל:

**צומאל טרעפן זיך מענטשן אין א מצב וואס עס גייט אים נעבעך שווער און ער ווארט אויף א ישועה,** וואס קענען מיר זאגן פאר אזעלכע אידן אז עס זאל זיי שוין יעצט זיין א שטיקל נחמה?

**דער תשובה איז פשוט:** "**זארגט זיך נישט, דו ווייסט בעזהשי"ת נאך "זעהן" דער טובה!!" דהיינו:** עס קען זיין אז יעצט קוקט עס אויס ווי עפעס וואס איז נישט גוט, אבער וויסן זאלסטו אז דאס איז א חלק פון א גרעסערע פלאן וואס איז געמאכט געווארן לטובתך! **עס איז שוין גוט!** אמת, יעצט קען מען דאס נישט פארשטיין ווייל דער פלאן איז נאך אינדערמיט!

אבער מען קען און מעג בעטן "**הראנו ה' חסדך**". ווי דער קדושת לוי טייטשט, "רבוש"ע, איך ווייס אז צום סוף גייט זיין גוט, אבער ווייז מיר דאס שוין!" (עי' לעיל הערה ב')

אזוי אויך, קען מען בעטן ביים אייבערשטען אז ער זאל גרינגער מאכן אונזער צער, אבער מען דארף געדענקן אז דאס איז נישט קיין "אמת'ע" צער!

איידער מען קרעכצט און טרויערט, "**אוי רבוש"ע, וואס גייט דא זיין**, איך האלט שוין ביי די דריטע ישיבה וואס זאגט מיר ניין!" דארף מען געבן א טראכט, "אפשר איז יעדע ניין וואס מען באקומט, נאך א שטופ נענטער צו די ריכטיגע יא!"

לאמיר מחזק זיין אנדערע מיט די ווערטער, "**דו ווייסט בעזהשי"ת נאך "זעהן" דער טובה!!** דו ווייסט נאך זאגן אז א מזל אז די אלע ישיבות האבן דיר געזאגט ניין!"

דער הייליגער ריזשינער זי"ע טייטשט אויפן פסוק אין תהילים (יג, ב): **עַד אָנָה תַּסְתִּיר אֶת פָּנֶיךָ מִמֶּנִּי. עַד אָנָה אָשִׁית עֵצוֹת, בְּנַפְשִׁי.** דאס איז א בחינה פון א שאלה מיט א תשובה וואס דער מענטש פרעגט, "**עַד אָנָה תַּסְתִּיר אֶת פָּנֶיךָ מִמֶּנִּי?** רבוש"ע, ווי לאנג נאך וועסטו באהאלטן דיין הייליגע פנים (די השגחה עליונה) פון מיר?!"

זאגט מען אים גלייך דער תשובה: **עַד אָנָה אָשִׁית עֵצוֹת, בְּנַפְשִׁי**, אזוי לאנג ווי דו וועסט זיך אן עצה געבן אליין, אזוי לאנג ווי דו וועסט זיך האלטן פאר א פארשטייער, אזוי לאנג וועסטו נישט קענען זעהן די השגחה עליונה!

מען דארף נישט פרעגן קיין קשיות, נאר זיצן רואיג און **השלך על ה' יהבך**, ארויפווארפן אונזער פעקל צום אייבערשטען און **והוא יכלכלך**, ער וועט אונז שפייזן. דער אייבערשטער וועט דיר שוין ווייזן זיין גרויסע השגחה פרטית און פארוואס דאס איז געווען פונקט פאר דיר!

צדיקים האבן געזאגט: ***יהי חסדך ה' עלינו***, די חסדים פונעם אייבערשטען וועלן זיין אויף אונז, **כאשר יחלנו לך**, לויט וויפיל אונז האפן און פארלאזן זיך אויף איהם.

# הערות פון די ליינער

## "וואס האבן די מרגלים געהאלטן?"

איך האב אמאל געהערט נאכזאגן א הערליכן ביאור אויף דעם ענין פון די מרגלים, וואס דאס איז לכאורה ממש דער זעלבע ענין וואס איר האט געשריבן פאריגע וואך (גליון בראשית).

לכאורה, ווען מען טראכט אריין אינעם גאנצע פרשת המרגלים, ווערט שווער זייער א שטארקע קשיא, "ווי אזוי איז געשעהן אז אזעלכע גרויסע מענטשן ווי רש"י זאגט "אנשים חשובים", די מבחורים פון די שבטים, זאלן פלוצלינג אזוי נידריג פאלן, עד כדי כך, אלמלא משה וואלט צוגעלייגט דעם אות י' צו די נאמען פון יהושע, וואלט ער אויך אריינגעפאלן און מיטגעגאנגען מיט זייער געדאנק און גאנג?"

נאר פשט איז אזוי (פון די משך חכמה אדער די מהר"ל): די הייליגע צדיקים, נאכן זיין אינעם מדבר אזויפיל יאר און עוסק געווען נאר על התורה ועבודה אן קיין שום גשמיות'דיגע שטער, זענען יעצט אריינגעקומען אין א"י און געזעהן ווי דער עולם ארבעט, עס טוט זיך א ממשלה... האבן זיי זיך זייער דערשראקן, "פון היינט און ווייטער וועלן מיר זיין פארנומען א דריטל טאג מיט גשמיות'דיגע ענינים ווי זייען, אקערן, א.א.וו.?! ועל כולם, אז אונזער הייליגן רבי'ן משה רבינו, וועט נישט אריינקומען מיט אונז!"

"ווי אזוי וועלן די אידן דאס קענען אויסהאלטן? ווי אזוי גייען זיי קענען בלייבן ערליך און הייליג?! ענדערש לאמיר בארעדן דעם לאנד און בלייבן אין מדבר ברום המעלה מיט אונזער רבי'ן משה ווי לענגער..." און צו די רוחניות'דיגע טענה, האבן זיך שוין אלע צדיקים צוגעכאפט...

למעשה אבער איז נחשב כחטא, ווייל בהדי כבשי רחמנא למה לך, מען זאל נישט מאכן די חשבונות פונעם אייבערשטען. הרבה דרכים למקום, דער אייבערשטער האט גענוג עצות, ווי די גמרא זאגט אז איינע פון זיי איז "אלמלא שמרו ישראל שבת לא היה נגלים מהארץ...

**ישר כח גדול י.ש. מאנסי**

---

לייענדיג אייער גליון פאריגע וואך, האט מיר אויפגעבליצט א פסוק חומש פון פרשת נח.

**וַיָּחֶל עוֹד שִׁבְעַת יָמִים אֲחֵרִים וַיֹּסֶף שַׁלַּח אֶת הַיּוֹנָה מִן הַתֵּבָה.** (בראשית ח, י). פארוואס האט נח געווארט איינמאל און נאכאמאל דוקא זיבן טעג? לפי"ד אז שבת איז דער משפיע אויפן בריאה און נח האט געהיטן שבת, קען זיין אז דערפאר האט ער געווארט נאך זיבן טעג, ווייל אפשר וועט דער שבת גורם זיין אז די וועלט זאל צוריקווערן שיין און גוט.

**שלמה גרין**

# צידה לדרך

## נאך צוויי עפיזאדן פונעם וואכנדיגע פרשה.

**כִּי לְיָמִים עוֹד שִׁבְעָה אָנֹכִי מַמְטִיר עַל הָאָרֶץ...**

(בראשית ז, ד)

רש"י איז מסביר בשם די מדרש: וואס איז די פרישע זיבן טאג פוןווארטן? (נאך די 120 יאר)

זאגט רש"י: דאס איז די זיבן טעג פון אבילות וואס מען איז געזעצן און געטרויערט אויפן צדיק מתושלח וואס איז דעמאלטס נפטר געווארן. און צוליב די כבוד פונעם צדיק אז מען זאל טרויערן אויף איהם ווי עס פאסט, האט דער אייבערשטער אפגעשטופט די מבול פאר נאך זיבן טעג. (בראשית רבה לב, ז, סנהדרין קח:)

און פון וואו ווייסן מיר אז דער צדיק מתושלח איז דעמאלטס נפטר געווארן? זאגט רש"י: אויב מען רעכענט אויס וויפיל יאר מתושלח האט געלעבט, וועט מען זעהן אז זיינע יארן ענדיגן זיך פונקט ווען נח איז געווען 600 יאר, וואס פונקט דעמאלטס וואלט געדארפט זיין די מבול.

**לאמיר מאכן דער חשבון...**

**מתושלח** האט געלעבט ס"ה 969 יאר (בראשית ה, כז). לאמיר דאס צוטיילן אויף יארן. ווען **מתושלח** האט געבוירן **למך**, איז ער געווען 187 יאר (שם כה). ווען **למך** האט געבוירן **נח**, איז ער געווען 182 יאר (שם כח). קומט אויס דערוויל אז די יארן פון **מתושלח** איז 187+182=**369**. נא, אז **נח** האט געלעבט נאך 600 יאר, ווי די פסוק זאגט: **ונח בן שש מאות שנה והמבול היה מים על הארץ**", דארף מען צולייגן נאך 600 יאר צו דעם חשבון פון 369, קומט דאס אויס פונקט 969 יאר.

(נמצא אז מתושלח איז נפטר געווארן אינעם טאג וואס דער מבול האט געדארפט אנקומען.) געוואלדיג.

אבער איין מינוט. פון די חשבון, ווערן מיר געוואור א פרישע טראגעדיע, ווייל די פסוק זאגט אונז (ה,לא): **ויהי כל ימי למך 777**. למך, דער טאטע פון נח, האט געלעבט ס"ה 777 יאר און ער איז דאך געבוירן געווארן ווען זיין טאטע מתושלח איז געווען 187 יאר. אויב רעכענען מיר צוזאם זיינע יארן מיט זיין טאטע'ס יארן, דהיינו 187+777= 964, קומט אויס לפי"ז אז ווען מתושלח איז געווען 964 יאר, איז זיין זון למך אוועק פון דער וועלט. דאס הייסט אז מתשולח האט פארלוירן זיין קינד 5 יאר פאר זיין שטארבן.

**פרעגט זיך די קשיא, "וואס גייט דא פאר? דא שטופט מען אפ א מבול וואס איז שוין לאנג נקבע געווארן 120 יאר פריער צוליב די כבוד פון מתושלח און דא נעבעך שטארבט זיין זוהן למך בחייו, אזא בזיון?"**[י]

דער תירוץ איז: יא! דאס איז נאר געווען צוליב זיין טובה, עס איז נישט געווען קיין בזוין, נאר א גרויסע כבוד פאר אים!

ווי מיר האבן געלערנט פריער, וואלט געווען א גרויסע צער פאר א צדיק אז זיינע קינדער שטארבן ביי די מבול, סיי ווייל מען איז דן זיינע קינדער ווי א רשע און סיי ווייל דורך דער אופן פון ווערן פארשווועמט און שטארבן אין א מבול, קומט מען אפי'נישט אן צו קבר ישראל.

אויב אזוי, קומט אויס אז אויב **למך** וואלט געבליבן לעבן ביזן מבול, וואלט דער צדיק **מתושלח** געהאט גרויס צער אינעם טאג פון זיין פטירה, ווייל ער ווייסט דאך אז היינט דארף קומען א מבול, לויט ווי דער אייבערשטער האט פאראויס געזאגט פאר נח, (ער האט נישט געוואוסט אז מען וועט אפשטופן די מבול פאר נאך 7 טעג צוליב זיין אבלות) און זיין זוהן **למך** גייט יעצט נעבעך ווערן פארשוועמט כאחד המופקרים.

זאגט דער אייבערשטער: **"צדיק טייערע, זארג זיך נישט, איך וועל גרינגער מאכן דיין צער**, איך וועל איהם אוועקנעמען פון דער וועלט פונעף יאר פריער, איידער דער גרויסן מבול, כדי אז דו וועסט איהם קענען מספיד זיין כרגיל און באערדיגן בדרך כבוד. דאס איז ענדערש ווי ער זאל לעבן נאך פונעף יאר און ווערן פארשוועמט אינעם מבול און דו זאלסט זיין בצער ביום פטירתך." (זרע אברהם מר' אברהם מגלוגא אויפן פריערדיגן מדרש, מד"ר לב, ה)

**נ.ב. בעת וואס נח איז אריין אין די תיבה , האט ער שוין נישט געהאט זיין טאטע למך און זיין זיידע מתושלח. און וואס איז מיט זיין עלטער זיידע חנוך?**

געפונען מיר אין פרשת בראשית: **וַיִּתְהַלֵּךְ חֲנוֹךְ אֶת הָאֱלֹקִים וְאֵינֶנּוּ כִּי לָקַח אֹתוֹ אֱלֹקִים.** (ה, כד)

דער פסוק זאגט אונז דא צוויי זאכן 1- חנוך איז געווען א ערליכע מאן און שטענדיג געגאנגען נאר מיטן אייבערשטען. 2- יעצט איז ער שוין מער נישט דא ווייל דער אייבערשטער האט איהם אוועקגענומען פון די וועלט פאר זיין צייט. (רש"י)

**פרעגט זיך גלייך די קשיא:** מן הסתם האבן אלע מענטשן אין יענעם דור זיך געוואונדערט, "וואס גייט דא פאר? אויב ער איז געווען אזא ערליכע און הייליגע מאן, פארוואס איז ער נעבעך אוועק אזוי יונג ביי די 365 יאר? ער איז קוים אנגעקומען צו האלב פון די געווענדליכע לעבן אין יענע צייט?!"

(זיין זוהן מתושלח, האט זיך אודאי נישט געוואונדערט ווייל ער איז געווען א צדיק גמור און אודאי מקבל געווען די דין באמונה שלימה.)

**דערציילט אונז רש"י די סוד: יא, דא איז אויך אלעס געווען נאר צוליב זיין טובה.**

אמת, יעצט איז ער טאקע געווען זייער ערליך און א גרויסן צדיק, אבער וויבאלד זיין נאטור איז געווען אז ער ווערט שנעל נאכגעשלעפט נאך זיין סביבה און קען חלילה ווערן ווי איינער פון די רשעים אין יענעם דור, האט דער אייבערשטער געזאגט: לאמיר איך איהם ענדערש יעצט אוועקנעמען אביסל פריער פון דער וועלט, אבער אזוי וועט ער קענען אוועקגיין פון דער וועלט בשם טוב ווי א גרויסן צדיק, ווי איידער שטארבן בבזיון אלץ רשע.[יא]

---

[י] ואיתא בזוהר עה"פ **וימת הרן על פני תרח אביו**, ז"ל מן אדם קדמאי עד הרן לא הוה אינש דמית בחיי אבוה, וכן מצינו הקובר את בניו קרוי "שכול", כאשר רבקה אמרה ליעקב (בראשית כז, מה) למה אשכול גם שניכם יום אחד עיי"ש רש"י.

[יא] ובפרט כפי שמובאר במסכת דרך ארץ **חנוך לא מת כלל**, אלא נכנס בג"ע בחייו, לא היה בכלל צער אלא דמיון של צער בעוה"ז. (עי' יבמות טז: תוס ד"ה פסוק)